# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

## Dos jidiše folk in tzifern

**Leštzinski, Jankev**

**Berlin, 1922**

עילארטסיוא ןיא ןדיא יד .20 לטיפאק.

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340**

Visual Library

קאפיטל 20.

## די אידן אין אויסטראליע.

Autralia

די אידישע קאלאניע אין אויסטראליע איז זעהר א קליינע. אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט האט זיך דארטן באזעצט א קליינע צאל ענגלישע אידן. צו די פופציגער יארן זיינען שוין אבער אין אויסטראליע געווען אויך עטליכע פוילישע אידן. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאר־הונדערט איז קיין אויסטראליע פארוואָרפן געוואָרן א קליין רישטקעלע פונם גרויסן עמיגראציע־שטראם. דאס רישטקעלע איז אבער געבליבן א קליינס און א שמאָליקס — און די צאל אידן אין אויסטראליע וואקסט זעהר לאנגזאם.

אזוי זיינען געווען אידן אין אויסטראליע:

| | |
|---|---|
| אין 1891־טן יאר | 15 268 |
| „ 1901 „ „ | 16 850 |
| „ 1911 „ „ | 19 415 |

די גרעסטע אידישע קהלה אין אויסטראליע איז געווען אין סידניי, וואו אין 1901־טן יאר איז געווען 5137 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 1,0 פראָ־צענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

### פראגעס.

1. ווען האבן זיך אנגעהויבן אידן באזעצן אין אויסטראליע?
2. וויפיל זיינען געווען אידן אין אויסטראליע: אין 1891־טן יאר? אין 1911־טן?
3. וויפיל זיינען געווען אידן אין סידניי אין 1911־טן יאר?